


כסייעתא דשמיא

אידיש

# זרע שמשון

**געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וואכעדיגע פרשה.**

צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק און גאון
רבינו **שמשון חיים** ב"ר נחמן מיכאל **נחמני** זלה"ה.

וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - **'בני חיי ומזוני'.**

**פרשת ויקהל פקודי - החודש תש"פ • זרע שמשון - א לימוד וואס איז משפיע ישועות • גליון 151**

## אמרות שמשון

### פרשת ויקהל -

**משה רבינו גיבט צוערשט איבער די מצוה פון שמירת שבת | דער וואס היט שבת איז מען מוחל זיינע עבירות | דער איינציגסטע וועג צו געראטעוועט ווערן פון גלות איז דורך שמירת שבת**

**וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת אֹתָם (לה, א):** רש"י (ד"ה ויקהל) ברענגט פון חז"ל **'למחרת יום הכיפורים, כשירד מן ההר'**. משה רבינו האט איבערגעגעבן די פרשה פון שמירת שבת גלייך ווען ער איז אַראָפּגעקומען פון באַרג, צומאָרגנס פון יום כיפור.

שטעלן זיך די מפרשים, פארוואס עפעס האט משה רבינו געגעבן דוקא די פרשה פון שמירת שבת גלייך דאס ערשטע זאך ווען ער איז אראפ פון באַרג? איז דען נישט געווען אנדערע מצות וואס ער וואלט געקענט איבערגעבן פאר כלל ישראל?

❖❖❖

עס שטייט אין גמרא (שבת קיח:), **'אלמלי שמרו ישראל שבת ראשונה לא שלטה בהן אומה ולשון'**. אויב וואלט כלל ישראל אפגעהיטן דאס ערשטע שבת וואלט קיין שום פאלק נישט געקענט געוועלטיגן איבער זיי. אבער ליידער האט כלל ישראל נישט אָפּגעהיטן דאס ערשטע שבת, ווי עס שטייט אין פסוק (שמות טז, כז), **וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יָצְאוּ מִן הָעָם לִלְקֹט**. (געוויסע זענען ארויסגעגאנגען קלויבן מָן אום שבת קודש, וואס דאס איז חילול שבת, מפרשים). דאס האט צוגעברענגט אז די אומות העולם זאלן קענען געוועלטיגן איבער כלל ישראל.

און אזוי האט פאסירט גלייך נאכדעם, ווי עס שטייט אין פסוק (שם יז, ח), **וַיָּבֹא עֲמָלֵק וַיִּלָּחֶם עִם יִשְׂרָאֵל בִּרְפִידִם'**. 'עמלק' איז געקומען מלחמה האלטן מיט כלל ישראל. און אויב וואלט מען נישט מחלל שבת געווען, וואלט קיין אומה ולשון נישט געקענט געוועלטיגן אויף כלל ישראל.

נאך שטייט אין גמרא (שם). **'כל המשמר שבת כהלכתו אפילו עובד עבודה זרה כדור אנוש מוחלין לו'**. דער וואס היט דעם שבת, אפילו אויב ער דינט עבודה זרה אזוי ווי די מענטשן פון 'דור אנוש', איז מען אים מוחל אלע זיינע עבירות.

עס ווערט געברענגט אין חז"ל (עבודה זרה ה.), אויב וואלט כלל ישראל נישט געזינדיגט מיט'ן חטא העגל, וואלט קיין אומה ולשון נישט געקענט געוועלטיגן אויף כלל ישראל.

וויבאלד ביי די לוחות שטייט (שמות לב, טז), **'חָרוּת עַל הַלֻּחֹת'** און חז"ל (עירובין נד.), דרש'ענען דערפון, **'חרות'** איז די לשון **'חירות'** - פרייהייט, וואס באדייט אז דורך די כח התורה וואס כלל ישראל האט באקומען ביי מתן תורה, וואלט מען זוכה געווען צו א גענצליכע פרייהייט פון שעבוד מלכיות. אבער ווען כלל ישראל האט געזינדיגט מיט'ן חטא העגל האט מען דאס פארלוירן.

משה רבינו האט אסאך מתפלל געווען צום באשעפער ער זאל מוחל זיין כלל ישראל פאר'ן חטא העגל, און נאר אינעם טאג 'יום כיפור' האט דער אויבערשטער געזאגט (במדבר יד, כ): **'סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶךָ'** און מוחל געווען פאר כלל ישראל.

❖❖❖

לויט דעם פארשטייט מען פארוואס גלייך ווען משה רבינו איז אראפ פונעם בארג, צומאָרגנס פון יום כיפור (ווען דער אויבערשטער האט מוחל געווען כלל ישראל), האט משה רבינו געשפירט פאר וויכטיג צו אָנזאָגן כלל ישראל אויף די מצות פון שמירת שבת.

צו מרמז זיין פאר כלל ישראל, אז דאס גאנצע שוועריקייט און אנשטרענגונג וואס ער האט זיך געדארפט אנשטרענגען אז דער אויבערשטער זאָל פאַרגעבן כלל ישראל אויפן חטא העגל, און דער אויבערשטער האט נאר באַוויליגט צו מוחל זיין אינעם טאג 'יום כיפור'. דאס אלעס איז געקומען וויבאלד מ'האט נישט געהיטן דאס ערשטע שבת.

ווייל אויב וואלט מען אפגעהיטן די ערשטע שבת וואלט מען נישט געדארפט קיין תפילות, אזוי ווי עס שטייט אינעם אויבנדערמאנטן גמרא, דער וואס היט שבת אפילו אויב ער דינט עבודה זרה איז מען אים מוחל זיינע עבירות, און די חטא העגל וואלט פארצייעט געווארן אינעם זכות פון שבת.

אבער וויבאלד מ'האט נישט אפגעהיטן די ערשטע שבת, און מ'האט אויך געזינדיגט מיט'ן עגל, טראץ וואס דער אויבערשטער האט שוין מכפר געווען כלל ישראל, קען מען נאך אַלץ ליידן פון שעבוד מלכיות, וויבאלד מען האט געזינדיגט מיטן עגל, און מען האט פארלוירן דאס שטענדיגע פרייהייט וואס מען האט באקומען ביי מתן תורה, (אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא ע"ז).

דעריבער זאגט משה רבינו צו כלל ישראל, דער איינציגסטע וועג צו געראטעוועט ווערן פון שעבוד מלכיות, איז נאר אויב מ'וועט זיין געוואָרנט מיט שמירת שבת, וויבאלד דאס היטן שבת ברענגט די גאולה. אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (שבת קיח:), **'אם ישמרו ישראל שתי שבתות מיד יגאלו'**. אויב כלל ישראל וועט אפהיטן צוויי שבתות וועלן זיי גלייך אויסגעלייזט ווערן.

דעריבער ווען משה רבינו איז אראפגעקומען פון בארג נאכן חטא העגל, האט משה רבינו מזהיר געווען כלל ישראל מיט שמירת שבת גלייך דאס ערשטע מצוה, ווייל נאר דאס קען ראטעווען כלל ישראל פון שעבוד מלכיות.

❖❖❖

מיט דעם קען מען פארשטיין פארוואס משה רבינו האט אָנגעזאגט די פרשה פון שמירת שבת איידער די מצוה פון בויען די משכן, ווייל עס שטייט אין חז"ל (רש"י פרשת פקודי), דער טעם פארוואס די משכן ווערט אנגערופן מיט די נאמען **'משכן' - מפני שעתיד להתמשכן בעונותיהם של ישראל**. דאס גייט פאר'משכנ'ט ווערן צוליב די עבירות פון כלל ישראל, (אויב אידן וועלן טון עבירות וועט די בית המקדש חרוב ווערן).

דערפאר האט משה רבינו צוערשט באפוילן אויף שמירת שבת, וואס דורך די זכות פון שמירת שבת וועט די משכן נישט דארפן פאר'משכנ'ט ווערן, און מען וועט נישט דארפן גיין אין גלות און ליידן פון שעבוד מלכיות.

(פרשתינו אות א')

❖❖❖

די המשך איז אין עמוד ב'

הוצאת הגליון והפצתו להצלחת **צבי יצחק דוב** בן גיטל חיה וזוג' **מרים סאבל** בת **אסתר** ובניהם **שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר**
לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים

# המשך אמרות שמשון

## פרשת פקודי

**מען האט געוואַרט אויפצושטעלן די משכן ביז חודש ניסן | יצחק אבינו איז געבוירן אין ניסן | דער אויבערשטער האט אנגענומען די ווערטער פון יצחק אבינו**

**עס ווערט** געברענגט אין מדרש (ילקוט מלכים רמז קפ"ד), **אמר רבי חנינא בכ"ה בכסלו נגמרה מלאכת המשכן וכו', והקב"ה חשב לעכב שמחת הקמת המשכן בחדש שנולד בו יצחק וכו'**. רבי חנינא זאגט: די משכן איז שוין פאַרטיג געווארן אום כ"ה כסלו, אבער דער אויבערשטער האט געוואַרט צו באנייען די משכן ביז חודש ניסן, וואס דאס איז דער חודש וואס יצחק אבינו איז געבוירן געווארן.

דארף מען פארשטיין פארוואס האט דער אויבערשטער באַפוילן מען זאלווארטן ביז חודש ניסן, טראָץ וואס די משכן איז שוין גענצליך געווען גרייט אום חודש כסלו? אויך דארף מען פארשטיין וואס האט דאס צוטון מיט דעם אז יצחק אבינו איז געבוירן געווארן אום חודש ניסן?

עס שטייט אין 'חז"ל' (עיין לעיל), די משכן ווערט אנגערופן מיט די לשון 'משכן' וואס איז מרמז אויף די צוויי בתי המקדשות וואס וועט פאַר'משכנ'ט און חרוב ווערן צוליב די עבירות פון כלל ישראל.

און עס שטייט אין 'חז"ל' (שבת פט:), אברהם און יעקב האַלטן אויב כלל ישראל וועלן חלילה טון עבירות זענען זיי מחויב מיתה, אבער יצחק אבינו האלט אז דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף כלל ישראל.

און דער אויבערשטער האט אָנגענומען די ווערטער פון יצחק אבינו, דעריבער ווען כלל ישראל האבן געזינדיגט, האט דער אויבערשטער חרוב געמאכט די בית המקדש אנשטאט צו באשטראפן די אידן, וואס דאס איז די שיטה פון יצחק אבינו.

דאס האט דער אויבערשטער געוואָלט ווייזן ווען מען האט אויפגעשטעלט די משכן, און באפוילן מען זאל צו ווארטן ביז חודש ניסן וואס דעמאָלטס איז יצחק אבינו געבוירן געווארן, וויבאלד די נאמען 'משכן' קומט אנדייטן אז די משכן וועט חרוב ווערן אַנשטאָט כלל ישראל, וואס דאס איז די שיטה פון יצחק.

דערמיט האט דער אויבערשטער געוויזן אז ער האט אָנגענומען די ווערטער פון יצחק אבינו, און די משכן וועט חרוב ווערן אַנשטאָט צו באַשטראָפן כלל ישראל.

(פרשתינו אות ד')

❖❖❖

השתתפו עמנו.
יחד נכניס את אור תורת 'זרע שמשון' למקומות נוספים!

בתרומה קבועה או חד פעמית הנכם שותפים
לכל הפצת תורת המחבר בכל העולם
ותראו ישועות ונפלאות

ארץ ישראל: 05271-66450 ארה"ב: 347-496-5657
ניתן לתרום בכרטיס אשראי 24 שעות ביממה
ע"י מערכת ממוחשבת מאובטחת: 02-80-80-500 שלוחה 3

# שבת החודש

**דער אויבערשטער באַפעלט כלל ישראל מיט פרשת החודש | חדשים זענען געוואָנדן אין די לבנה | צוועלף צירופי שמות הוי"ה לויט צוועלף חדשים פון יאָר**

**הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה (שמות יב, ב)**: פארוואס האט דער אויבערשטער געדאַרפט באַפעלן כלל ישראל מיט 'פרשת החודש' איידער די אידן זענען ארויס פון מצרים?

אויך דארף מען פאַרשטיין פשט אינעם לשון הפסוק **הַחֹדֶשׁ הַזֶּה**, וואס וויל די תורה דריקן מיט די ווערטער **'הזה'**?

אין אמת'ן אריין, די גמרא אין מסכת ראש השנה (דף כ.), לערנט שוין ארויס פונעם פסוק החודש **'הזה' - כזה ראה וקדש**, דער אויבערשטער האט געוויזן פאר משה רבינו גענוי' דאס אויסזען און געשטעל פון די לבנה וואס מ'קען מקדש זיין.

❖❖❖

אבער מען קען צולייגן, לויט ווי עס שטייט אין 'משנה' (מסכת עדיות פרק ב' משנה י'), דער משפט פון די מצרים איז געווען צוועלף חדשים לאַנג.

און עס ווערט געברענגט אין 'מדרש' (שמו"ר ט, יב), יעדע מכה האט געדויערט א פערטל חודש, און דאס איבריגע דריי פערטל פונעם חודש איז געווען פאר הַתרָאה, צו אָנוואָרנען פרעה אויף די מכות וואס גייען קומען.

לויט דער מדרש קומט אויס, די צייט פון די מכות האט געדויערט בלויז צען חדשים, לויט די צאָל פון די מכות, (יעדע חודש א מכה). און דאס שטימט נישט מיטן אויבנדערמאנטן משנה אז די מכות האבן גענומען גאנצע צוועלף חדשים.

דער 'מהרש"א' אין מסכת ראש השנה (דף יא.), ענטפערט אז ס'קען זיין אז עס איז געווען געוויסע טעג צווישן די מכות וואס ס'איז נישט געווען קיין מכות און נישט קיין התרָאות. אזוי אז די גאנצע תקופה פון אָנהייב ביז ענדע פון אלע מכות האט געדויערט צוועלף חדשים.

אבער דאס דארף מען פארשטיין, פארוואָס האט אויסגעפעלט צו מאכן הפסָקות צווישן די מכות? פארוואס איז דאס נישט געווען איינס נאכן צווייטן פאר צען חדשים און א צי?

קען מען ענטפערן, עס האט ספעציעל אויסגעפעלט אז די צייט פון די מכות זאל זיין אויסגעשפרייט דורכאויס צוועלף חדשים, וויבאלד פרעה הרשע האט געלייקענט אינעם באשעפער און אין גאט'ס נאמען - די שם הוי"ה, וואס די שם הוי"ה טוט אָנצייגן אז דער אויבערשטער איז דער וואס האט באשאפן און פירט די גאנצע וועלט.

פרעה האט געהאלטן אז די וועלט איז באשאפן געווארן און ווערט געפירט דורך מזלות און שטערנ'ס, דעריבער האט דער אויבערשטער געוואָלט אז די מכות זאל נעמען גאנצע צוועלף חדשים, כדי פרעה זאל זיך נישט קענען איינרעדן אז אויב וואלט דאס געווען אין א געוויסע חודש וואלט דער מזל פונעם חודש באשיצט, דעריבער איז די מכות געקומען, דורכאויס צוועלף חדשים אנטקעגן די צוועלף מזלות.

אזוי אויך איז צוועלף חדשים פון מכות מרמז אנטקעגן דעם וואס פרעה האט געפייניגט צוועלף שבטים וואס זענען געגליכן צו די שטערנ'ס און מזלות.

צוגאָב צו דעם, איז דאס מרמז אויף די י"ב צירופי הוי"ה ברוך הוא, (צוועלף וועגן ווי אזוי מען קען ארויסשרייבן די הייליגע שם הוי"ה, י-הוה י-והה י-ההו או"ו). וואס יעדע חודש רוט א צווייטן שם הק' אויף די וועלט, דעריבער האט פרעה געכאפט מכות פאר צוועלף חדשים מיט אלע צירופי שמות הוי"ה.

❖❖❖

וויבאלד די צוועלף צירופי שם הוי"ה ברוך הוא זענען אויסגעשטעלט לויט די חדשים פון די לבנה, דעריבער האט דער אויבערשטער באפוילן כלל ישראל מיטן פרשת החודש און זיי באפוילן צו ציילן די חדשים לויט די לבנה וואס טוט אָנצייגן אויף י"ב צירופי שם הוי"ה.

און דערביי האט דער אויבערשטער געזאגט: **'החודש הזה לכם'** אָט די חודש וואס איך גיבט אייך וואס מען ציילט מיט די לבנה (נישט לויט די זון), דאס גיבט איך פאר ענק און נישט פאר די אומות העולם.

וויבאלד די לבנה ווערט נתחדש יעדע חודש פון דאָסניי, און ווען א מענטש זעט די לבנה טוט דאס אים צייגן אויף חידוש העולם, און אמונה אינעם באשעפער וועלכע וואס פירט די גאנצע וועלט.

און ווען דער מענטש וועט אריינטראכטן אין דעם, וועט ער פארשטיין, אזוי ווי דער אויבערשטער טוט באנייען די לבנה יעדן איינציגסטע חודש, דאס זעלבע טוט דער אויבערשטער שטענדיג באנייען די וועלט און טוט דאס פירן.

אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין רבינו בחיי (שמות יב, ב), וז"ל, **וידוע כי כשיראה האדם הלבנה בחדושה ומברך עליה, הנה הוא מעיד על חדוש העולם שהוא עיקר האמונה, ומודה על אלוקותו של יוצר בראשית שחדש העולם כשם שמחדש הלבנה בכל חדש וחדש**. און דאס איז פונקט פארקערט פון וואס פרעה הרשע האט געוואָלט פאַרלייקענען.

(פרשת בא אות ו')

**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**
צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו

האיגוד העולמי להפצת תורת
זרע שמשון
מתוך הבטחת וברכת המחבר:
ועיניכם תראינה בנים בני בנים
כשתילי זיתים סביב לשולחנכם,
חכמים ונבונים, ובתים מלאים כל טוב,
גם עושר גם כבוד לא יסופו מזרעכם,
מוה"ר שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני
נלב"ע ו' אלול תקל"ט